**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/22/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול, מעיאר עדעמס, קאנגרעסמאן גאלדמאן און סענאטאר גונאַרדעס אנאנסירן אריבערפירונג פון היסטארישע 3.5 ביליאן דאלארדיגע מייסטער פלאן צו פארוואנדלען ברוקלין שיף פארט אין מאדערנע ים-האנדל, לעבהאפטיגע קאמיוניטי מיט געמישטע באנוצן לענגאויס וואסער ברעג

***טראנספארמאציע רעכנט אריין 65 מיליאן דאלארדיגע סטעיט אינוועסטירונג צו שטיצן און שטופן פאר וואוקס פון אפּערדעבעל האוזינג און בויען צוקונפטיגע אויפן-ארטיגע קאלטע סטארעדזש איינריכטונג***

***אמביציעזע פלאן וועט בויען א 60-אקער-גרויסע פולשטענדיג-עלעקטרישע פארט, 6,000 היימער, 28 אקער פון נייע אפענע שטח, איבער 225,000 סקוועיר פיס פון אינדוסטריאלע שטח, שטאנדהאפטיגקייט מאסנאמען און פלעצער געווידמעט פאר ארבעטסקראפט, קאמיוניטי און קולטור***

***פלאנירטע אינוועסטירונגען און איבערבויאונג וועלן אויפטרייבן איבער 18 ביליאן דאלאר אין עקאנאמישע ווירקונג, שאפן 37,000 קאנסטרוקציע און 2,000 פערמאנענטע דזשאבס אריבער ים-האנדל, אינדוסטריאלע, ביזנעס און וואוינונגען סעקטארן***

***פלאן באשטעטיגט דורך מער פון צוויי-דריטל פון BMT קאמיטע נאכפאלגנדיג יאר פון ברייטע באמיאונגען צו ארייננברענגען איבער 4,200 קאמיוניטי מיטגלידער און פארמישטע קערפערשאפטן אין די פראצעדור; פראיעקט רוקט זיך יעצט פאראויס צו ענווייראמענטאלע איבערבליק, אוועקשטעלונג פון ראט קאמיטע צו אויסארבעטן פלאן איינצלהייטן און פארזעצן קאמיוניטי באטייליגונג און RFEI פאר פארט פארבעסערונגען***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול), מעיאר Eric Adams (עריק עדעמס), קאנגרעסמאן Dan Goldman (דען גאלדמאן), סענאטאר Andrew Gounardes (ענדרו גונאַרדעס), ברוקלין בארא פרעזידענט Antonio Reynoso (ענטאָניאָ רינאָסאָ) און ניו יארק סיטי עקאנאמישע אנטוויקלונג קערפערשאפט (New York City Economic Development Corporation, NYCEDC) פרעזידענט און CEO Andrew Kimball (ענדרו קימבאל) האבן היינט אנאנסירט אז די ברוקלין שיף פארט (Brooklyn Marine Terminal, BMT) קאמיטע האט אריבערגעפירט א היסטארישע מייסטער פלאן צו פארוואנדלען די BMT אין א מאדערנע ים-האנדל פארט און שאפן א לעבהאפטיגע געמישטע-באנוץ קאמיוניטי לענגאויס די ברוקלין וואסער ברעג. מיט א 65 מיליאן דאלארדיגע סטעיט אינוועסטירונג צו שטיצן וואוקס פון האוזינג און צו אויפבויען א צוקונפטיגע אויפן-ארטיגע קאלטע סטארעדזש איינריכטונג – א סך הכל אינוועסטירונג פון 410 מיליאן דאלאר ערמעגליכט דורך די סיטי, סטעיט און פעדעראלע רעגירונגען – וועט די פארשלאג פארוואנדלען די צופאלענע שיף פארט אין א 60-אקער-גרויסע, פולשטענדיג-עלעקטרישע ים-האנדל פארט וואס וועט ווידעראמאל קענען דינען אלס א הויפט

עקאנאמישע טרייב קראפט פאר די קאמיוניטי. אין צוגאב צו אן אויפגעלעבטע פארט, וועט די פלאן וואס איז היינט אריבערגעפירט געווארן אויך אויפבויען 6,000 נייע היימער – אריינרעכענענדיג 2,400 פערמאנענט-אפאָרדעבעל יוניטס – און אזוי אויך 28 אקער פון עפנטליכע שטח, 275,000 סקווער פיס פון שטח פאר ביזנעסער, 250,000 סקווער פיס פון פלאץ פאר קאמיוניטי איינריכטונגען און 225,000 סקווער פיס פאר לייכטע און שווערע אינדוסטריאלע צוועקן. די פלאן, וואס דעקט א סך הכל פון 122 אקער, רעכנט אויך אריין קריטישע שטאנדהאפטיגקייט און אינפראסטרוקטור מאדערניזירונגען פאר די געגנט, בשעת'ן אויפטרייבן א געשאצטע 18 ביליאן דאלאר אין עקאנאמישע ווירקונג, 37,000 צייטווייליגע קאנסטרוקציע דזשאבס און 2,000 פערמאנענטע דזשאבס. די מייסטער פלאן וואס איז אנגענומען געווארן דורך די BMT קאמיטע דינט אלס די יסוד פאר אלע צוקונפטיגע אינוועסטירונגען און איבערבויאונג ארבעט ביי די BMT.

"דער אמביציעזער, 3.5 ביליאן דאלארדיגער חזון וועט פארוואנדלען די ברוקלין שיף פארט אין א מאדערנע, פולשטענדיג-עלעקטרישע ים-האנדל צענטער און א בליהענדע נייע געגנט – אהערשטעלנדיג שיין-באצאלטע דזשאבס, אפאָרדעבעל היימער און עפנטליכע איינריכטונגען פאר פילע קומענדיגע דורות", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "ניו יארק סטעיט איז שטאלץ צו שטיין מיט די סיטי ביים מאכן די אינוועסטירונג אויף א פארנעם וואס ווערט געמאכט אמאל אין א דור אין אונזער וואסער ברעג, אונזער עקאנאמיע און אונזערע קאמיוניטיס. צוזאמען ווייזן מיר אויף אז וואוקס, שטאנדהאפטיגקייט און גערעכטיגקייט קענען גיין האנט ביי האנט."

**ניו יארק סיטי מעיאר Eric Adams (עריק עדעמס) האט געזאגט,** "היינט האט אונזער סיטי אונטערגענומען א מאסיווע טריט אין ריכטונג פון די צוקונפט. דורכן באשטעטיגן די 3.5 ביליאן דאלארדיגע מייסטער פלאן, וועלן מיר פארוואנדלען א צופאלנדע שיף פארט אין א מאדערנע ים-האנדל פארט בשעת'ן שאפן טויזנטע אפאָרדעבעל היימער און צענדליגע טויזנטע שיין-באצאלטע דזשאבס. מיר וועלן אהערשטעלן די אפענע שטח וואס אונזער סיטי דארף און האלטן ניו יארק אויף די פראנט פון די 'גרינע' עקאנאמיע. פאר יארן האבן די פעסימיסטן אונז געזאגט אז די טעג פון גרויסע געדאנקען און אמביציעזע אינציאטיוון זענען פארביי, אבער ניו יארק סיטי ווייזט אויף אז זיי זענען זיך טועה. מיר פארוואנדלען אונזער וואסער ברעג אין א 'האפן פון די צוקונפט' און מיר שאפן געלעגנהייט פאר פילע קומענדיגע דורות. ווען איך בין אריין אין אפיס, האב איך פארשפראכן צו 'אויספירן זאכן', און היינט פירן מיר אויס די פארשפרעך אין גרויסן. א דאנק פאר אלע מיטגלידער פון די BMT קאמיטע וועלכע האבן גענומען זייער אחריות ערנסט און פאר אלע קאמיוניטי מיטגלידער און עקספערטן וועלכע האבן בייגעשטייערט דורכאויס די פראצעדור."

**קאנגרעסמאן Dan Goldman (דען גאלדמאן) האט געזאגט,** "צום ערשטן מאל אין צוויי דורות איז די ברוקלין שיף פארט אויף די רעלסן צו ווידעראמאל ווערן א יסודות'דיגע און לעבהאפטיגע עקאנאמישע, ים-האנדל , ענווייראמענטאלע און קאמיוניטי אוצר. פאר צענדליגע יארן זענען די פארט און אומגעגנט ערלויבט געווארן צו חרוב ווערן, און יעדע פרואוו עס צו אויפלעבן איז דורכגעפאלן. היינט האבן מיר אונטערגענומען א באמת היסטארישע טריט אויף פאראויס מיטן ענדליך אהערשטעלן א פלאן וואס וועט ראטעווען, מאדערניזירן און אויסברייטערן די פארט, שאפן אן אינדוסטריאלע און קאמערציעלע צענטער פאר די צוקונפט, אדרעסירן קלימאט טויש און שטיין אין שפיץ פון ים טראנספארט, פארבינדן אונזערע געגנטער צו די וואסער ברעג און בויען טויזנטע אפאָרדעבעל היימער צו באקעמפן די האוזינג קריזיס. איך בין דאנקבאר פאר די צייט, ענערגיע און מיהען וואס זענען אוועקגעגעבן געווארן דורך אלע קאמיטע מיטגלידער, אפגעזעהן פון אויב זיי האבן געגעבן זייער שטימע אין שטיצע אדער קעגן די פלאן, און איך בין דאנקבאר אז דער קאמיוניטי-צענטרירטער פראיעקט האט געקענט עררייכן אזויפיל פאר אזויפיל מענטשן. איך קוק ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן מיט מיינע קאלעגן, די סיטי, סטעיט און EDC צו בויען א לעכטיגערע צוקונפט פאר די ברוקלין וואסער ברעג."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development) פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, Hope Knight (האָופּ נייט), האט געזאגט,** "דער היינטיגער טאג צייכנט אפּ א דערגרייכונג אין די טראנספארמאציע פון די עפנטליכע שטח וואס שטייט שוין פון לאנג נישט אויסגענוצט צו ווערן א צענטער פון געלעגנהייט און אריינגעמיגע וואוקס. עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט איז שטאלץ צו ארבעטן בשותפות מיט די סיטי אויף דעם פראיעקט וואס ווערט געמאכט אמאל אין א דור וואס וועט אויפטרייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג, אויסברייטערן אפּאָרדעבעל האוזינג און שאפן א מער באפעסטיגטע, פארבינדענע און לעבהאפטיגע וואסער ברעג. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן פון די נאענט מיט די קאמיוניטי דורכאויס די אלגעמיינע פראיעקט פלאן פראצעדור צו ברענגען דעם אמביציעזן חזון צו פארווירקליכט ווערן."

**דעפיוטי מעיאר פאר האוזינג, עקאנאמישע אנטוויקלונג און ארבעטסקראפט, Adolfo Carrion, Jr. (אדאלפאָ קעריאן, דזשוניאר), האט געזאגט,** "היינט איז א היסטארישער טאג פאר ניו יארק סיטי. די ברוקלין שיף פארט קאמיטע, וואס באשטייט פון סיטי, סטעיט און פעדעראלע ערוויילטע בעאמטע און פארשטייער קומענדיג פון לאקאלע געגנטער ביז ראיאנישע אגענטורן, האט געשטימט צו 3.5 ביליאן דאלארדיגע מייסטער פלאן צו שאפן א מאדערנע, פולשטענדיג-עלעקטרישע 60-אקער-גרויסע פארט און קאמיוניטי מיט געמישטע באנוצן מיט 6,000 יוניטס פון האוזינג אין די הארץ פון די 'האפן פון די צוקונפט'. איך בין דאנקבאר פאר- און באדאנק אלע BMT קאמיטע מיטגלידער פאר זייער שווערע ארבעט אויף די פלאנירונג פראצעדור אין לויף פון די פארגאנגענע יאר, און איך קוק ארויס צו די ערשטע באנייאונג צערעמאניע אויף די BMT לאקאציע אין בלויז עטליכע קורצע יאר."

**NYCEDC פרעזידענט און CEO, Andrew Kimball (ענדרו קימבאל), האט געזאגט,** "די אריבערפירונג פון די ברוקלין שיף פארט מייסטער פלאן איז א היסטארישע, טראנספארמאטיווע אינוועסטירונג אין ניו יארק סיטי'ס עקאנאמישע צוקונפט – אריינברענגענדיג טויזנטע דזשאבס, מאדערניזירנדיג אינפראסטרוקטור און שאפנדיג א שטאנדהאפטיגע וואסער ברעג מיט געמישטע באנוצן וואס טרייבט וואוקס וואס נעמט יעדן אריין. די פלאן שטעלט אוועק די סיטי אלס נאציאנאלע פירערין אין ים-האנדל ערפינדערישקייט בשעת'ן ברענגען לאנג-אנהאלטנדע בענעפיטן פאר די רעד הוק קאמיוניטי און ווייטער. איך וויל אויסדרוקן מיין טיפסטע הכרת הטוב פאר די גאנצע קאמיטע פאר זייער פעלזן-פעסטע פארפליכטונג צו ארבעטן מיט די NYCEDC צו אוועקשטעלן די מאנומענטאלע חזון."

**סטעיט סענאטאר Andrew Gounardes (ענדרו גונאַרדעס) האט געזאגט,** "פאר צענדליגע יארן איז די ברוקלין שיף פארט ערלויבט געווארן צו פארוועלקט ווערן און ווערן אן אפטיילנדע שטער צווישן אונזערע קאמיוניטיס און די וואסער ברעג. יעצט האבן מיר אן אייגנארטיגע געלעגנהייט צו פארוואנדלען די טערמינאל אין עפעס וואס קומט עכט נאך אונזערע באדערפענישן: א געגנט מיט געמישטע באנוצן מיט א מאדערניזירטע פארט, נייע פארקס, אן אינדוסטריאלע און קאמיוניטי שטח און טויזנטע נייע אפּאָרדעבעל היימער. דאס איז א קאמפליצירטער פראצעדור מיט אסאך אנדערע פארמישטע קערפערשאפטן, און די מייסטער פלאן שפיגלט אפּ די פילע גוטע געדאנקען און שווערע באשלוסן וועלכע זענען ארויפגעברענגט געווארן דורכאויס די פארהאנדלונגען פון די קאמיטע. אויב מיר זענען ערנסט מיטן שאפן א סיטי וואס ארבעט פאר אונז אלע, דארפן מיר למעשה אויספירן זאכן. די פלאן איז א וויכטיגע טריט ביים טוהן געגנוי דאס."

די BMT מייסטער פלאן וואס איז היינט אריבערגעפירט געווארן וועט פארוואנדלען א צופאלנדע שיף פארט אין א מאדערנע, פולשטענדיג-עלעקטרישע פארט בשעת'ן שאפן טויזנטע היימער און צענדליגע טויזנטע נייע דזשאבס.

די BMT קאמיטע – מיט פאראייניגטע שטאטן קאנגרעסמאן Dan Goldman (דען גאלדמאן) אלס טשעיר און ניו יארק סטעיט סענאטאר Andrew Gounardes (ענדרו גונאַרדעס) און ניו יארק סיטי

קאונסיל מיטגלידערין Alexa Avilés (אלעקסא אווילעס) אלס קאָו-טשעירס – איז צוזאמגעשטעלט געווארן פון א ברייטע רייע פון עקספערטן, אריינרעכנענדיג פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע ערוויילטע בעאמטע, די לאקאלע קאמיוניטי באורד, לאקאלע איינוואוינער ארגאניזאציעס, ים-האנדל און אינדוסטריאלע פארמישטע קערפערשאפטן, יוניאנס, פלאנירונג און ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט ארגאניזאציעס און פארשטייער פון די לאקאלע ביזנעס קאמיוניטי. די BMT קאמיטע האט געשטימט אין שטיצע פון א מייסטער פלאן וואס שטעלט אוועק אן אויבן-אויפיגע סטרוקטור פאר ניין אנדערע קאטעגאריעס:

- **פארט:** אונטער די פלאן וועט די BMT פארוואנדלט ווערן אין א 60-אקער-גרויסע מאדערנע און שטאנדהאפטיגע פולשטענדיג-עלעקטרישע פארט מיט א נייע לאדענען פלאטפארמע לענגאויס די ברעג צו ערמעגליכן דאס אריבערפירן פראכט דירעקט צווישן שיפן, אראפנעמען טראקס פון לאקאלע געסער און ניו יארק סיטי שאסייען און דינען אלס הויפט עלעמענט אין די Adams (עדעמס) אדמיניסטראציע'ס Blue Highways איניציאטיוו צו טראנספארטירן מער פראדוקטן לענגאויס די סיטי'ס וואסערן.
- **אפאָרדעבעל האוזינג:** די פלאן וועט אהערשטעלן 6,000 האוזינג יוניטס אויף די לאקאציע, מיט 40 פראצענט, אדער 2,400 יוניטס, דעזיגנירט אלס פערמאנענט אפאָרדעבעל יוניטס אויף א דורכשניט פון 60 פראצענט פון די ארטיגע מיטלגארטיגע איינקונפט (Area Median Income). א סך הכל פון 200 אפאָרדעבעל יוניטס וועלן געהאלטן ווערן אויפן ארט פאר ניו יארק סיטי האוזינג אויטאריטעט (New York City Housing Authority, NYCHA) Red Hook Houses East און West איינוואוינער. אין צוגאב, וועט א 75 מיליאן דאלארדיגע קאסע צו אויפהאלטן עקזיסטירנדע- אדער בויען נייע אפאָרדעבעל יוניטס אויפן ארט אין קאמיוניטי באורד 6 געשאפן ווערן, און 200 מיליאן דאלאר וועט צוגעטיילט ווערן פאר NYCHA Red Hook Houses East און West.
- **עטלענטיק בעיסין:** די ברוקלין קרוז טערמינאל (Brooklyn Cruise Terminal) וועט אויך איבערגעבויט ווערן מיט נייע עפנטליכע שטח, פלאץ פאר אינדוסטריאלע אפעראציעס און ביזנעס און א 400-צימערדיגע האטעל, פארוואנדלענדיג די פלאץ ארום פיער 11 און פיער 12 אין אן אטראקטיווע וואסער ברעג דעסטינאציע דיסטריקט אפן פאר די קאמיוניטי.
- **אינדוסטריאלע אפעראציעס:** די פלאן וועט שאפן 275,000 סקוועיר פיס פון שטח פאר אינדוסטריאלע אפעראציעס צו ארויסגעדינגען ווערן מיט דיסקאונטס, מער פון 275,000 סקוועיר פיס פון שטח פאר ביזנעסער אריבער די לאקאציע צו אויפלעבן און שטיצן קאמיוניטי ריטעיל געשעפטן געסער און א 10 מיליאן דאלארדיגע דעוועלאפמענט קאסע צו שטיצן די אינדוסטריאלע סעקטאר אינערהאלב די ברייטערע געגנט.
- **עדזשוקעישען און ארבעטסקראפט:** די פלאן שטופט פאר אן ארומנעמיגע ארבעטסקראפט סטראטעגיע, אריינרעכנענדיג אן אפמאך מיט די יוניאנס פאר דעם פראיעקט (Project Labor Agreement); ציהלן צו אויפנעמען ארבייטער פון די לאקאלע קאמיוניטי; א ספעציעל-געווידמעטע ערשט-קלאסיגע פראקטישע לערנונג צענטער ביי פיער 11; און פינאנצירונג צו אוועקשטעלן א נעטווארק וואס העלפט מענטשן פארבעסערן זייער עקאנאמישע צושטאנד אין רעד הוק און א ים-האנדל קאריערע גרייטקייט פראגראם פאר איינוואוינער פון NYCHA Red Hook Houses East און Red Hook Houses West. איבער 250,000 סקוועיר פיס פון קאמיוניטי איינריכטונגען און קולטורישע פלעצער, אריינרעכנענדיג פלאץ פאר א נייע פובליק סקול ביי BMT נארט.
- **אפענע שטח:** די מייסטער פלאן רעכנט אריין 28 אקער פון עפנטליכע אפענע שטחים און אומגעפער איין מייל פון עפנטליכע צוטריט צו די וואסער ברעג און א ברעג טרעיל.
- **שטאנדהאפטיגקייט:** די פלאן רופט פאר אן ארומנעמיגע שטאנדהאפטיגקייט סטראטעגיע, אריינרעכנענדיג א געהעכערטע הייעך פון די לאקאציע צו באשיצן קעגן צוקונפטיגע הייבנדע

וואסער שטאפלען, א פארפלייצונג-אפהאלטנדע וואנט דעזיינט צו קענען אויסשטיין אומשטענדן פאראויסגעזאגט ביז 2,100 און א שטורעם וואס קומט סטאטיסטיש פאר אמאל אין 100 יאר און אויפן-ארטיגע שטורעם-וואסער קאנטראלירונג.

- **פארבינדונג און טראנספארטאציע:** די פלאן שטעלט פיסגייער און פובליק טראנספארטאציע קודם, גיבנדיג פריאריטעט פאר די באוועגונג פון פיסגייער בשעת'ן פארקורצערן באס רייזעס צו רייזער דעסטינאציעס און רעדוצירן טראפיק פון טראקס. עס וועט אריינרעכענען געסער דעזיינט פאר פיסגייער; אן מאקסימאלע פארקינג באגרעניצונגען; דיסטריקט-ברייטע גאראזשעס; צענטערן פאר קליינע באוועגונג אפאראטן און פראכט; לעינס מיט פריאריטעט פאר באסעס; פארמערטע פערי שיף סערוויסעס; א 50 מיליאן דאלארדיגע פארפליכטונג פאר עלעקטרישע שאטל סערוויס אלס א צייטווייליגע מיטל אזוי ווי די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority) נעמט אין באטראכט צי זיי זאלן צוריקברענגען אמאליגע באס סערוויס ווי די B71 אדער אוועקשטעלן בארייכערטע און/אדער נייע באס סערוויס פאר פארבעסערטע באוועגונג צווישן- און אינערהאלב געגנטער.
- **אויטאריטעט און איינפירונג:** די פלאן וועט אוועקשטעלן א נייע לעגאלע קערפערשאפט – די ברוקלין שיף פארט דעוועלאפמענט קארפארעישען ( Brooklyn Marine Terminal Development Corporation, BMTDC) – צו אויספירן די מייסטער פלאן, זיכער מאכן אז די דעוועלאפמענט קען פינאנציעל אנגיין און קען זיך אליין אויסהאלטן און צו איינפירן אן איבערבויאונג אין פאזעס, אהערשטעלנדיג קאמיוניטי בענעפיטן בשותפות מיט די געמישטע באנוצן דעוועלאפמענט. די באורד פון די BMTDC וועט אריינרעכענען פארשטייער פון די לאקאלע קאמיוניטי, ווי די NYCHA Red Hook East און West און אזוי אויך ים-האנדל און אינדוסטריאלע עקספערטן.

אין די קומענדיגע וואכן, וועט די NYCEDC צוזאממשטעלן א ברוקלין שיף פארט ראט קאמיטע צו ווייזן די וועג פאר דעם פראיעקט אריבער די ענווייראמענטאלע איבערבליק און אנטוויקלונג פון אן אלגעמיינע פראיעקט פלאן. די NYCEDC וועט פארזעצן צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי און מיט די נייע קאמיטע צו אויסארבעטן די איינצלהייטן פון די פלאן פאר די לאקאציע, פירנדיג ביים ענדע צו די פארעפנטליכונג פון די NYCEDC'ס ערשטיגע 'ענווייראמענטאלע ווירקונג סטעיטמענט' און עמפּייער סטעיט דעוועלאפמענט'ס אננעמונג פון אן ערשטיגע אלגעמיינע פראיעקט פלאן אין 2026. די NYCEDC ציהלט צו ארויסגעבן די ערשטע איינלאדענונג פאר פארשלאגן דורך פירמעס וועלכע ווילן זיין די לאנג-טערמיניגע פארט אפערירער ביז סוף 2026.

גאווערנער Hochul (האקול) איז געבליבן פארפליכטעט צו עקאנאמישע און האוזינג וואוקס אין ניו יארק סיטי, באזונדערס אין ברוקלין.

- אין מאי פון 2024 האט גאווערנער Hochul (האקול) אנאנסירט א 15 מיליאן דאלארדיגע צוגעזאגטע סומע פאר א צוקונפטיגע אויפן-ארטיגע קאלטע סטארעדזש איינריכטונג. די מאנגל אין קאלטע סטארעדזש אין רעד הוּק האט בייגעשטייערט צו טראפיק, פארפעסטיגונג און אנדערע זארגן פאר די קוואליטעט פון לעבן אזוי ווי סחורה וואס קען קאליע ווערן ווערט טראנספארטירט אריין און ארויס פון ברוקלין. די פינאנצירונג בויט ארויף אויף די גאווערנער'ס לאנג-טערמיניגע אגענדע צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן אין ברוקלין און אין ניו יארק סיטי.
- אין יוני פון 2025 האט גאווערנער Hochul (האקול) אנאנסירט אז Queen One, Inc., א פינאנירנדע האנדל טעכנאלאגיע פירמע, וועט אוועקשטעלן איר נייע הויפטקווארטיר אויף 25 Kent Avenue אין וויליאמסבורג, ברוקלין, אונטער א 10-יאריגע ליעס אפמאך. די 30,000-סקוועיר-פיסיגע איינריכטונג שפיגלט אפ איבער 10 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע

אינוועסטירונג און איז ערווארטעט צו שאפן 600 פול-טיים, הייטעק דזשאבס בשעת'ן אויפטרייבן 67 מיליאן דאלאר אין אינוועסטירונג אין פארשונג און אנטוויקלונג אין לויף פון די קומענדיגע פינף יאר אזוי ווי די פירמע בויט אויף איר פארגעשריטענע עלעקטראנישע האנדל (אי-קאמערס) פלאטפארמע. געשטיצט דורך 6 מיליאן דאלאר אין עקסעלסיאָר דזשאבס (Excelsior Jobs) פראגראם טעקס קרעדיטס, וואס ווערן געגעבן אין אויסטויש פארן שאפן דזשאבס, פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development) — צייכנט די הויפטקווארטיר אפ א גרויסע טריט אויף פאראויס ביים פאראויס שטופן ניו יארק'ס פירערשאפט אין ערפינדונג, דזשאב שאפונג און אין די דיגיטאלע עקאנאמיע.

- אין יולי פון 2025 האט גאווערנער Hochul (האקול) אנאנסירט אז קאנסטרוקציע איז אונטערוועגנס אויף Innovative Urban Village Phase 1A, אן אפאָרדעבעל האוזינג דעוועלאפמענט מיט 385 יוניטס און קאמערציעלע פלאץ פאר א פרישע עסנווארג גראסערי געשעפט אין די איסט ניו יארק געגנט פון ברוקלין. די 270 מיליאן דאלאר פראיעקט איז טייל פון די ברייטע איבער-דעוועלאפמענט פון די Christian Cultural Center'ס קאמפוס. די דורכגעפירטע בודזשעטס פאר פיסקאלע יאר 2025 און 2026 האבן אויך פארשטערקערט די גאווערנער'ס האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי (Pro-Housing Community) פראגראם — וואס ערלויבט פאר סערטיפייד לאקאליטעטן צו באקומען אויסשליסליכע צוטריט צו ביז אזויפיל ווי 750 מיליאן דאלאר אין געלטער אויף וואס די סטעיט רעגירונג פארטיילט לויט איר שיקול הדעת. שטייענדיג היינט, זענען מער פון 300 קאמיוניטיס שוין סערטיפייד געווארן אלס האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס, אריינרעכענענדיג די סיטי אָוו ניו יארק.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן